בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת אחרי קדושים תשע"ח** **פרקי אבות ג** **גליון 453 [שנה ט']**


**אחרי מות בני אהרן: ווייל זיי האבן נישט געהאט א פרוי, א פליאה!**

אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן: (טז א) שטייט אין מדרש (געברענגט אין פי' עיון יעקב –פון הגאון ר' יעקב ריישער דער שבות יעקב תצ"א– תענית דף ט א סוף ד"ה עשר תעשר) **לא מתו בני אהרן אלא על שלא היתה פִּתָּם מצויה לעוברים ושבים.** דאס איז א פליאה וואס איז די שייכות פון זייער מיתה מיט נישט געבן ברויט פאר עניים? נאר די גמ' (תענית כ"ג ע"א) ברענגט די מעשה פון אבא חלקיה –א אייניקל פון חוני המעגל –וואס זיין ווייב איז געווען מער חשוב פון אים, ווייל אין איר זכות איז געגאנגען רעגן, איז רש"י מפרש ווייל **"נותנת לחם ומזונות מבושלים שיש לו לעני תיכף לאכול מה שאין כן הבעל יכול ליתן רק כסף וכו' וצריך העני לטרוח עד שישיג אוכל"**: די פרוי געפינט זיך אין שטוב און ווען א ארימאן איז הונגעריג גיט זי אים ברויט און געקעכט'ס און ער ווערט גלייך דערקוויגט אבער אבא חלקיה האט נאר געגעבן געלט פארן ארימאן און ער דארף נאך גיין קויפן מיט דעם ברויט און דערווייל איז ער הונגעריג. און עס שטייט אין מדרש (ויקרא רבה פ"כ) אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן: לפי שלא נשאו נשים מתו, לכאורה זענען די מדרשים געבונדן, ווייל זיי האבן נישט חתונה געהאט, **לא היתה פִּתָּם מצויה לעוברים ושבים**, האבן זיי נישט געהאט די זכות פון א ווייב וואס גיט ברויט צום ארימאן וואס איז הונגעריג. (בן לאשרי – ר' יצחק הוברמן המקובל מרעננה)

**מען דארף וויסן אז מען איז נידעריג**

הַשֹּׁכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם: (טז טז) מיר ווייסן אז א איד ווי נידעריג ער פאלט אין טומאה פונדעסטוועגן מיט א שטיקל חרטה און תשובה טאן קען ער זיך צוריקקערן און ווערן נאנט מיטן אויבערשטן, דאס איז אלעס ווען ער ווייסט אז ער איז נידעריג און געפינט זיך אין די טומאה נאר ער קען זיך נישט מתגבר זיין אויפן יצר הרע, אבער חלילה איינער וואס איז גאר נידעריג און עס טוט אים נישט וויי און ער האלט אז ער איז א אדם השלם, אזא איינע וועט חלילה נישט תשובה טאן, דאס מיינט הַשֹּׁכֵן אִתָּם, דער רבש"ע וועט נאך רוהען ביי דעם, ווייל ער ווייסט אז ער איז בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם, וועט ער נאך תשובה טאן. מען זאגט נאך פון צדיקים אז א רשע וואס ווייסט אז ער איז א רשע איז בעסער פון א צדיק וואס ווייסט אז ער איז א צדיק, ווייל דער זוהר הק' שרייבט מאן דאיהו רב איהו זעיר, דער וואס האלט ער איז עפעס איז ער גאר קליין. (תפוחי חיים פאנעט – דעעש קארלסבורג)

**שייכות פאסטן מיט ארבעט!**

וְהָיְתָה לָכֶם לְחֻקַּת עוֹלָם בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ תְּעַנּוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם וְכָל מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ: (טז כט) דארף מען פארשטיין וואס איז די סמיכות פון פאסטן יום כיפור, תְּעַנּוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם, מיט נישט טאן מלאכה, וְכָל מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ? נאר א מענטש וואס פאסט און וויל פארגעסן פון זיין פאסט טוט ער א ארבעט און אזוי פארטוט ער די צייט און פארגעסט אז ער פאסט, דעריבער זאגט די הייליגע תורה מען דארף פאסטן און תְּעַנּוּ, פילן דעם פֵּיין, און נישט טאן א מלאכה צו פארגעסן פון פאסט. (בית ישראל השלם למוח"ז אדמו"ר ממאטערסדארף)

**שייכות פון קדושים תהיו מיט יום המיתה?**

קְדֹשִׁים תִּהְיוּ: (יט ב) שטייט אין מדרש ווען משה רבינו ע"ה האט געהערט די קדושים תהיו האט ער געבעטן די ווערטער פון דאווענען: והסר ממנו מַכַּת הַמָּוֶת, א פליאה! דאס צו פארשטיין, די גמ' (ברכות דף ה.) זאגט דריי עצות צו מְנַצֵּחַ זיין דעם יצר הרע, וז"ל **לעולם ירגיז אדם יצה"ט על יצה"ר, נצחו מוטב, ואם לאו יעסוק בתורה, ניצחו מוטב ואם לאו יקרא ק"ש, אי אזיל מוטב ואם לאו יזכיר לו יום המיתה**, דאס מיינט פריערט זאל מען לערנען תורה און אויב דאס העלפט נישט זאל מען ליינען ק"ש מיט קבלת עול מלכות שמים, און אויב די צוויי עצות העלפן נישט דעמאלטס יזכיר לו יום המיתה. פרעגט דער הייליגער בעש"ט זצוק"ל פארוואס זאגט נישט די גמ' אז מען זאל גלייך דערמאנען יום המיתה און אזוי וועט מען מנצח זיין דער יצה"ר? נאר עס שטייט עבדו את ד' בשמחה און אויב מען וועט גלייך דערמאנען יום המיתה וועט דאס ברענגען דעם מענטש צו עצבות, ממילא די עצה פון מיתה איז נאר בשעת הדחק אויב די צוויי אנדערע עצות פון תורה און ק"ש העלפן נישט, אבער לכתחילה דארף מען טאן זאכן מיט שמחה. דאס קען זיין פשט אין מדרש, ווען משה האט געהערט די ווערטער קדושים תהיו, און מען דארף מנצח זיין די יצר הרע און זיין הייליג, האט ער געבעטן והסר ממנו מַכַּת הַמָּוֶת אז מען זאל נישט דארפן אנקומען צו די עצה פון יום המיתה נאר דורך שמחה מיט עוסק זיין בתורה אדער ק"ש. (תפוחי חיים פאנעט – דעעש קארלסבורג)

**בדין שכירות בתים צו מען איז עובר בל תלין**

לֹא־תָלִין פְּעֻלַּת שָׂכִיר אִתְּךָ עַד בֹּקֶר: (יט יג) די תורה זאגט אויב איינער צאלט נישט א ארבעטארער אין זעלבן טאג איז מען עובר א לאו פון לֹא־תָלִין. יעצט ווען איינער דינגט א בהמה אדער כלים אדער מטלטלין שטייט שוין אין די משנה (ב"מ דף קיא.) און אזוי איז געפסקנט אין שו"ע (חו"מ סי של"ט ס"א) אז עס איז דא די לאו פון לֹא־תָלִין. די שאלה איז יעצט ווען מען דינגט א הויז און מען באצאלט נישט גלייך, צו מען איז עובר לֹא־תָלִין? אבער ווען קומט צו שכירות קרקע איז דא א מחלוקת: דער שער משפט (חו"מ סי של"ט ס"א) ברענגט דער סמ"ג און יראים, לחומרא, און דער ערוך השלחן (שם) און חפץ חיים אין ספר אהבת חסד (פ"ט ס"י) איז אויך מסכים. אבער די טור ברענגט דער מהר"ם מרוטנברג, און אויך די תוספות הרא"ש ב"מ אז עס איז נישטא די לאו. ממילא וואס מיר זענען דַן ביי א הויז, איז דא די מחלוקת צו א הויז הייסט ווי כלים וואס מען איז עובר, אדער דאס איז ווי קרקע און נישט עובר. איז מחדש דער דעת זקנים בעלי התוספות וז"ל לֹא־תָלִין פְּעֻלַּת שָׂכִיר: הרי כל דבר במשמע, אז די זעלבע לאו איז אויך דא ביי שכירות פון א הויז. (שמח זבולון תשע"ח)

**פרקי אבות פרק ג**

הוּא הָיָה אוֹמֵר, כָּל שֶׁרוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ. וְכָל שֶׁאֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ. מען וואלט געקענט מסביר זיין דעם משנה אז רוח הבריות נוחה הימנו מיינט אז מענטשן האבן אים ליב און אז ער האט נישט קיין שונאים, און דאס איז די ראיה אז דער אויבערשטער איז באוויליגט פון דער מענטש. און דאס זאגט שלמה המלך (משלי טז ז) בִּרְצוֹת ה' דַּרְכֵי־אִישׁ, ווען דער אויבערשטער איז באוויליגט אין די מעשים פון א מענטש, איז דעמאלט'ס גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִם אִתּוֹ. האט דער מענטש נישט קיין שונאים, אבער אויב אֵין רוּחַ הַבְּרִיּוֹת נוֹחָה הֵימֶנּוּ, און ער האט שונאים איז א סימן אז אֵין רוּחַ הַמָּקוֹם נוֹחָה הֵימֶנּוּ. (שמח זבולון תשע"ז)

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

# מדור העובדות

## מען דארף נאך מתפלל זיין ביז די לעצטע מינוט


הרה"צ ממאטערסדארף זצוק"ל

מוה"ז הרב הצדיק **ר' ישראל טויסיג** אדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל דערציילט די מעשה וואס איז געשען מיט אים ביי זיין רבין דער הייליגער אונסדארפער רב הגאון ר' שמואל ראזענבערג דער בעל באר שמואל זיע"א.

דער אונסדארפער רב האט איינגעפירט אין זיין ישיבה אז די בחורים פון ישיבה גדולה וואס האבן געקענט לערנען מוזן זאגן א פילפול אין א געוויסע שבת, און דער שכר פאר דעם בחור וואס האט געזאגט דעם פילפול איז געווען, אז דער רבי האט געמאכט א מי שברך פארן בחור און יענע בחור האט באקומען די ערשטע שיריים פון רבין ביי די סעודת שבת. מען האט אויסגעשטעלט א רשימה פאר דעם גאנצן זמן.

ווען עס איז געקומען די וואך פארן **בית ישראל** צו זאגן זיין דרשה האט ער געזאגט פארן גבאי וואס איז געווען ממונה אויף די שיעורים אז ער זאל זאגן פארן רבין אז ער קען נישט זאגן די וואך א פילפול ווייל מען האט איהם געשיקט רופן זיך שטעלן צום מיליטער, קען ער זיך נישט מצמצם זיין אויף צו מאכן און זאגן א פילפול דעם שבת. און האט נישט ישוב הדעת ווייל ער וועט גיין אין מיליטער וועט ער האבן א נסיון פון חילול שבת און טריפות.

דער גבאי איז געגאנגען צום אוסדארפער רב און ער האט איבערגעגעבן פארן רב זיינע ווערטער. האט דער רב אים צו גערופן און געזאגט איך באפויל דיר צו זאגן א פילפול! האב ער געזאגט, אז ער האט נישט קיין קאפ צוזאמען שטעלן א פילפול! האט דער רב געזאגט פונדעסטוועגן באפויל איך דיר צו זאגן א פילפול דעם שבת! האב ער געגומען שטאלץ און געזאגט פארן רב: אויב דער רב וועט צוזאגן אז ער וועט ווערן באפרייט פון ארמיי וועט ער זאגן א פילפול! האט דער אונסדארפער רב געטראכט א פאר מינוט און געזאגט "איך זאג דיר צו אז דו וועסט נישט דארפן גיין אין ארמיי"! און ער האט זיך גענומען צו די ארבעט און האט צוזאמען געשטעלט א פילפול אין די סוגיא פון "אין שליח לדבר עבירה" (קדושין דף מ"ב ע"ב) [און דאס איז געדרוקט אין ספר תפארת יוסף פון זיין שווער הגאון ר' יוסף פרעסבורגער זצ"ל אב"ד מאטערסדארף]

דער פילפול האט ער געזאגט, און דער רבי האט אים געמאכט א מי שבירך און געוואונטשן אז דו זאלסט נישט גענומען ווערן אין מיליטער. יענע וואך איז ער געפארן קיין פרעשבורג צו א געוויסן עסקן וואס האט געארבעט אויף צו באפרייען די ישיבה בחורים פון די ארמיי ווייל ער האט ערליידיגט א דאקטער זאל אונטער שרייבן אז מען איז שוואך און מען קען נישט דינען אין די ארמיי. דערציילט ער ווייטער אז ער איז געפארן צום ציון פון הייליגן חתם סופר און דארטן שטארק מתפלל געווען. און פון דארטן איז ער געפארן צו א קליין דארף לעבן פרעשבורג וואס דארטן זענען געזעצן די אפיצערן פון די ארמיי זעהן צו די פאפירן שטימען. און פון דארט געפארן קיין **מַאלַאצְקָא** וואו מען האט זיך געדארפט שטעלן אין די סטאנציא פון די ארמיי זיך צו שטעלן פאר די אפיצערן.

איך בין געווען מיט א קבוצה פון בחורים וואס האבן זיך אויך געדארפט שטעלן צו די ארמיי און מיר זענען איינגעשטאנען אין א אכסניא אז גלייך אינדערפרי זאל מען קענען גיין אין די סטאנציא. די בחורים האבן געזאגט אז זיי גייען זיך לייגן שלאפן און איך האב געזאגט אז איך גיי זיין אויף א גאנצע נאכט און זאגן תהלים און מתפלל זיין אז איך זאל ווערן באפרייט פון די ארמיי. האבן מיר די בחורים געפרעגט צו וואס דארפסטו נאך מתפלל זיין ווען דו האסט דאך א צעטל פון דאקטער און מיט דעם וועט מען דיר באפרייען! מיר זענען בארוהיגט פון צעטל און וועלן גיין שלאפן, האב איך זיי געענטפערט אז מען קען נישט זיין פארזיכערט, ווייל מען דארף שטענדיג בעטן דעם אויבערשטען ביז דער מצב ווערט ערליידיגט.

איך האב געוואוסט אז מען דארף שטארק מתפלל זיין בין איך געבליבן אויף א גאנצע נאכט און געזאגט תהלים און מתפלל געווען. אינדערפרי זענען מיר אלע געגאנגען זיך שטעלן פאר די אפיצירן. צו זייער מזל איז געווען דעמאלטס, אז דער הויפט שופט פון **מַאלַאצְקָא** וואס איז געקומען האלטן קאנטראל איבער די אפיצערן, זעהען צו זיי פירן זיך מיטן געזעץ פון די ארמיי, דעריבער ווען די אפיצירן האבן אנגעקוקט אונזערע פאפירן פון די דאקטוירים האבן זיי זיך אנגערופן אז עפעס שמעקט נישט גלאטיג און עס איז א קונץ, ווייל איר וואוינט דאך נישט אין די געגענט פון **מַאלַאצְקָא**, איז וועגן וואס האט איר געקומען זיך שטעלן דא און זיי האבן צוגענומען דעם צעטל פון דאקטאר און זיי באפוילן צו גיין זיך שטעלן ביי די סטאנציא אין זייער שטאט וואו זיי וואוינען! אבער זיי הערן דער שופט רופט זיך אן און ער הייסט ברענגען פאר אים די פאפירן פון די בחורים, און נאך א ווייליע רופט ער זיך אן: אלע בחורים מוזן זיך שטעלן צו די ארמיי אויסער דער בחור **ישראל טויסיג** וועט מען לאזן זיך שטעלן דא. די בחורים האבן יעצט חרטה געהאט אז זיי האבן נישט מתפלל געווען יענע נאכט און זיך פארלאזט נאר אויף זייער צעטיל!

זיי האבן געמוזט אהיים גיין און א אפיצער האט גענומען מיינע פאפירן און מיר אונטערגעזוכט און געזען אז איך בין נישט גענוג שטארק פאר די ארמיי און האט מיר גלייך געגעבן א צעטל אז איך בין באפרייט פון דינען. דא האב איך געזען צוויי גרויסע ענינים. איינם איז געווען דער גרויסער מופת פון מיין רבין, וואס דער שופט האט נאר מיר באפרייט. די צווייטע זאך האב איך געזען און געלערנט אז מען דארף נאך אלץ מתפלל זיין ביזן לעצטע מינוט און זיך נישט פארלאזן אז אלעם וועט גיין ווי עס דארף צו זיין.


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

תהלים דפוס זיטאמיר אמרות טהורות $8000 א ספר עץ חיים האנט געשריבן און געמאלען שיין שנת תצ"ו האט באלאנגט צו הגה"ק ר' יהונתן אייבישיץ מיט 150 הגהות ותיקונים פון איס כת"י און א קמיע $400,000, מכתב הדברי חיים 17 שורות $120000 א קונטרס חידושים אויף מס' שבת מיטן נאמען מוסיף השבת געשריבן פון הייליגן חת"ם סופר יוגנערהייט 10 זייטן $200,000 מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $9000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגוואר רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, רי"ף עם חתימת הגאון ר' חנוך הינך המרחשת $2500 *א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנוטבא תקמ"א עפ"י האריז"ל $3000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגנלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000,* מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***